# פרשת שלח כ׳ – כ"ו סיון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת שלח***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וויל באגריסען אלע חשובע עלטערן און זיידעס, וואס זענען זיך צוזאם געקומען צו די חומש סעודה פון זייערע קינדער און אייניקלעך. איך האב אויך דא א אייניקל ביי די חומש סעודה. דער אייבערשטער זאל העלפען, אז מיר זאלן אלע זעהן אסאך יודיש נחת ביי אונזערע קינדער און אייניקלעך, זיי זאלן ערצויגען ווערן ווי עס דארף צו זיין, לתורה ולחופה ולמעשים טובים. - עס דארף זיין א גרויסע שמחה ביי עלטערן, ווען די קינדער הייבען אן צו לערנען חומש, עס איז די התחלה פון לימוד התורה. נאכדעם וואס מען האט געענדיגט קריאה, און ווי מען האט פריער געהערט, אז מען האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין די קינדער, אז מען זאל קענען קודם געהעריג קריאה, כדי זיי זאלן קענען ווייטער שטייגען.

**מען** מיינט אסאך מאל, אז מען קען זיך איינגאנצן פארלאזען אויף די חינוך פון די תלמוד תורה. מען שיקט א קינד אין חדר, מן הסתם האט ער א גוטן רבי, און א גוטן מנהל, און זיי וועלן שוין מאכען דארט די ארבעט. זיי וועלן אלעס מסדר זיין, אז ווען דאס קינד וועט אהיים קומען, זאל ער זיין אויסגעוואקסען אין וואס ער דארף צו קענען. עס איז נישט אזוי. גאנץ א קליינעם חלק פונעם חינוך פונעם קינד, איז פון די תלמוד תורה. א גרויס חלק פונעם חינוך איז דאס וואס עלטערן טוען מחזק זיין דאס קינד, און געבן מוט פארן קינד. ווען ער קומט אהיים, הערט מען אים אויס, און וואס ער זאגט, מאכט מען אן עסק. מען לערנט מיטן קינד יעדע וואך, און מען געבט אים א קאמפלימענט אויף דעם וואס ער האט געלערנט. דאס טוט זייער אסאך צוהעלפען פאר קינדער, אז זיי זאלן קענען שטייגען.

**איך** האב היינט געזען פונעם פריערדיגען **בעלזער רב זי"ע, רבי ישכר דוב**, אז ער האט געזאגט, אז אין שמונה עשרה איז מען מתפלל אויף יעדע זאך אינעם לעבן. עס איז נישט דא קיין איין נקודה אינעם לעבן, וואס עס ווערט נישט דערמאנט אין שמונה עשרה. די חשוב'סטע וואס א מענטש פארמאגט, איז זיינע דורות, פארוואס איז נישט דא אין די שמונה עשרה א תפלה, אז מען זאל האבען קינדער, און קענען ערציען קינדער.

**האט** דער הייליגער **בעלזער רב** זי"ע געזאגט, אז עס איז יא דא א תפלה אין די שמונה עשרה אויף קינדער, אבער די תפלה איז באהאלטן, עס איז נישט אן אפענע תפלה. מען זאגט, מודים אנחנו לך שאתה הוא ה' אלקינו וגו', 'אתה הוא לדור ודור'. אין דעם ליגט א תפלה, אז מען זאל קענען מחנך זיין אונזערע קינדער, און עס זאל זיך האלטן די ערליכקייט אויף די דורות שפעטער אויך.

**פארוואס** שטייט נישט ארויס די תפלה בפירוש, פארוואס איז עס נאר מיט א רמז. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, ווייל אזוי ווי קינדער איז די חשוב'סטע זאך וואס א מענטש דארף האבען, האט מען מורא געהאט, אז אויף אן אפענע תפלה, וועט זיין א קיטרוג אין הימל, אז די תפלה זאל נישט אדורכגיין. האבען די חכמים נישט געוואלט מאכען דערויף אן עקסטערע תפלה, נאר מען האט עס אריינגעלייגט אין די שמונה עשרה, ביי אתה הוא לדור ודור, אז מען זאל קענען איבערגעבן פאר די דורות ווייטער.

**דאס** איז געווען אין אלע דורות, וואס עס איז געווען שווער מחנך צו זיין קינדער. אין די טריפה'נע אמעריקא, מיט די טעכנאלאגיע וואס איז דא היינט, דארף מען האבען אסאך שמירה, אז מען זאל קענען אויסוואקסען ערליך. די קינדער הייבען אן צו לערנען פרשת ויקרא, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, מען דארף האבען אסאך תפלה, אז מען זאל בלייבען טהורים. מען זאל קענען בלייבען מיט די ריינקייט וואס מען האט יעצט אויף שפעטער. מען דארף מתפלל זיין

אסאך תפלות, אז דער אייבערשטער זאל געבן ערליכע יודישע דורות.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז די מרגלים האבען נישט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט זיי געשטראפט. 'וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה', די קינדער אויף וואס איר האט געזאגט, אז עס וועט זיין לבז, 'והביאתי אותם וידעו את הארץ' (במדבר יד-לא), זיי וועלן אריינקומען, און זיי וועלן ירשנ'ען ארץ ישראל. עס קען זיין א לימוד זכות אויף יודען, אז זיי האבען נישט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל, ווייל זיי האבען זיך געזארגט אויף זייערע קינדער. מען האט געוואוינט אין מדבר, וואס אין א מדבר איז נישט דא גארנישט, נאר הימל און ערד און די תורה, עפעס אנדערש האבען זיי נישט געהאט אינעם מדבר. עס איז נישט געווען קיין עולם הזה'דיגע זאכען, עס איז נישט געווען גוים, עס איז נישט געווען באוואוינטקייט, עס איז נישט געוואקסען קיין פירות, מען האט געגעסן לחם מן השמים, מען האט נישט געזען גארנישט, בלתי אל המן עינינו, אזא הייליגקייט וואס איז געווען אין מדבר, איז נישט געווען א מציאות אז עס זאל זיין אין די גאנצע וועלט.

**די** טאטע'ס וואס זענען געווען אין מדבר, זענען געווען פון די יוצאי מצרים, זיי האבען מקבל געווען די תורה, און זיי האבען געלעבט א הויכן לעבן אין מדבר. און זיי האבען געטראכט, ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, ארץ שבעה עמים, א באוואוינט לאנד אזוי ווי אלע אנדערע לענדער, וואס וועט זיין מיט די קינדער, ווי אזוי וועלן זיי אויסוואקסען דארט. עס וועט זיין שבע שנים שכבשו, זיבען יאר וועט נעמען ביז מען וועט כובש זיין ארץ ישראל, און שבע שנים שחלקו, זיבען יאר וועט נעמען ביז מען וועט איינטיילן ארץ ישראל, און מען וועט צוקומען אל המנוחה ואל הנחלה, און מען וועט נישט האבען דעם געדולד זיך אפצוגעבן מיט די קינדער. וואס וועט אויסוואקסען פון די קינדער, ווען מען וואוינט נישט אין א מדבר. איז געווען חשוב'ער ביי זיי צו בלייבען אינעם מדבר, ווי צו וואוינען אין ארץ ישראל. מיר בלייבען אינעם מדבר, מיר דארפן גארנישט האבען, נאר אז מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער פאר תורה.

**די** חשבונות זענען זייער גוט, אבער דאס איז נישט דער רצון פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער וויל אז מען זאל יא אריינגיין, און וואוינען ווי מענטשען וואוינען, און זיך פירן ערליך. צו וואוינען אין א מדבר האט דער אייבערשטער מלאכים אויבן אין הימל, וואס זיי דינען דעם אייבערשטען אן עולם הזה. דער אייבערשטער וויל, אז מיר זאלן לעבן אין עולם הזה, און דארט מחנך זיין אונזערע דורות. האט זיי דער אייבערשטער געזאגט, 'וטפכם אשר אמרתם', דאס וואס איר האט זיך געזארגט אויף ענקערע קינדער, און איר האט געזאגט 'לבז יהיה', אז זיי וועלן פארפאלען ווערן אין ארץ ישראל, זיי וועלן זיך נישט קענען האלטן דארט, 'והביאתי אותם וידעו את הארץ', אז מען פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, איז מען מצליח.

**און** עס ליגט אין דעם צוויי נקודות. איינס, אז עלטערן דארפן זיך זארגען פאר די קינדער. זיי האבען נישט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל, ווייל זיי האבען נישט געוואוסט וואס עס וועט זיין דארט מיט די קינדער, ווי אזוי מען וועט זיי קענען דארט מחנך זיין. און צווייטענס, אז מען דארף זיך נישט דערשרעקן, אפילו מען לעבט אין אן עולם הזה, ווען א יוד טוט וואס דער אייבערשטער וויל, ער פראבירט מחנך צו זיין זיינע קינדער אויף דעם וועג וואס דער אייבערשטער האט אים אוועקגעשטעלט, ליגט אין דעם א ברכה, ווייל דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער לתורה וליראת שמים. כי לא יטוש ה' את עמו ונחלתו לא יעזוב, דער אייבערשטער לאזט נישט איבער דעם כלל ישראל, אין דעם שווערן דור וואס מען לעבט היינט. זה לעומת זה עשה אלקים, דער אייבערשטער געבט כוחות, אז אפילו אין אזא שווערע דור, זאל מען קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות. ווען א יוד טוט וויפיל ער קען, איז דא סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער. זאל דער

באשעפער געבן, אז מיר זאלן אלע זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. איך וויל באדאנקען דעם חשובען מלמד רבי יוסף מאיר ווידער זאל זיין געזונט, אוןביידע מנהלים, וואס טוען זייער עבודת הקודש מיט זייער אסאך איבערגעגעבענקייט, זאלן זיי זעהן אסאך הצלחה אין די פירות וואס זיי געבן ארויס, און מיר אלע זאלן זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ד סעיף ד').

*

***<u>יום שני פרשת שלח</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אשר כהנא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**די** וואך איז די פרשה פון די מרגלים, וואס זענען אריין קיין ארץ ישראל, און זיי האבען נאכדעם מוצא געווען דיבת הארץ. און יהושע און כלב האבען זיך אקעגען געשטעלט, און זיי האבען געזאגט, אם חפץ בנו ה', אויב דער אייבערשטער וועט וועלן, וועט ער אונז אריינברענגען קיין ארץ ישראל, 'אך בה' אל תמרודו' (במדבר יד-ט), אינעם אייבערשטען זאלט איר נישט מורד זיין. אויף די ווערטער אך בה' אל תמרודו, איז די נגינה זרקא סגול. אסאך מאל ליגט אין די נגינה אויך א געוויסע רמז, וואס איז נוגע צום ענין.

**אין** די גמרא (יבמות עא.) שטייט, אז די פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, האט מען זיך נישט געמל'ט. נאר ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יהושע, שוב מול את בני ישראל שנית (יהושע ה-ב), ווייל מען האט זיך נישט געמל'ט פון ווען מען איז ארויס פון מצרים, ביז מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל. אין די גמרא איז דא כמה טעמים פארוואס מען האט זיך נישט געמל'ט. איין טעם איז דא אין די גמרא, ווייל לא נשבה להם רוח צפונית. כדי אז א קינד זאל זיך פארהיילען נאך א ברית, דארף מען האבען א געוויסע ווינט וואס קומט פון צפון זייט. דער רוח צפונית איז א חשובע ווינט, און דער אייבערשטער גיט עס נישט שטענדיג, נאר ווען יודען זענען אין א געוויסע מדריגה. און אזוי ווי אין מדבר זענען יודען געווען ניזופין, מען איז געווען אנגעשריגען פונעם אייבערשטען, האט נישט געבלאזען דער רוח צפונית, און עס איז געווען א סכנה אז מען זאל זיך מל'ן, האט מען זיך נישט געמל'ט.

**ווען** האט זיך אנגעהויבען דאס אז זיי זענען געווען ניזופין, און לא נשבה להם רוח צפונית, איז א מחלוקת רש"י מיט תוספות. רש"י זאגט אז עס האט זיך אנגעהויבען ביים חטא העגל, און תוספות זאגט אז עס האט זיך אנגעהויבען ביי די מרגלים. דער חטא העגל איז געווען תיכף אין אנהייב, שבעה עשר בתמוז, א פאר וואכען נאך מתן תורה, און די חטא פון די מרגלים איז געווען א יאר שפעטער. אויב איך זאג אזוי תוספות, אז זיי זענען געווען ניזופין פון די חטא פון די מרגלים, קומט אויס אז ביז די מרגלים האט מען זיך געמל'ט, אבער פון די מרגלים און ווייטער, האט מען זיך נישט געקענט מל'ן.

**האט** זיי יהושע געזאגט, טאמער איר וועט יעצט מורד זיין אינעם אייבערשטען, און מען וועט רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל, וועט דאך דער אייבערשטער אונז לאזען דא אין מדבר, און ער וועט אונז נישט אריינברענגען קיין ארץ ישראל, ווי דער סוף איז געווען. און עס וועט נישט זיין א רוח צפונית, און אז עס וועט נישט זיין א רוח צפונית, וועט מען זיך נישט קענען מל'ן, און מיר וועלן בלייבען אן מצות מילה.

**עס** שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כב עו.), אז ווען א יוד מל'ט זיך, ווערט אויף אים נתגלה דער שם הוי"ה. עס איז העכערע ענינים וואס דאס מיינט, אבער עכ"פ אזוי שטייט. האט ער זיי געזאגט, 'אך בה' אל תמרודו', איר זאלט נישט מורד זיין אינעם שם הוי"ה. יעדער יוד וואס מל'ט זיך, האט אויף זיך

דעם שם הוי"ה, אויב איר וועט יעצט זינדיגען מיט דעם חטא פון די מרגלים, וועט דאך אויסקומען אז מיר וועלן בלייבען דא אין מדבר, און מיר וועלן זיין ניזופין, און עס וועט נישט זיין א רוח צפונית. און אז עס וועט נישט זיין א רוח צפונית, איז נישט דא קיין מילה, קומט אויס, אז עס איז נישט דא די שם הוי"ה, האט ער זיי געזאגט, 'אך בה' אל תמרודו', איר זאלט נישט מורד זיין אינעם שם הוי"ה.

**פארוואס** וועט מען מורד זיין אינעם שם הוי"ה, ווייל עס וועט נישט זיין א רוח צפונית. עס איז דא פיר ווינטען פון די פיר זייטען, און אז עס האט געפעלט די רוח פון צפון זייט, איז משמע אז די אנדערע דריי ווינטען זענען יא געווען. וועגען דעם איז די נגינה זרקא סגול, ווייל זיי האבען געוואלט מרמז זיין, אז דער אייבערשטער וועט אונז אוועקווארפען, אז מיר וועלן נאר האבען סגול, מיר וועלן נאר האבען דריי רוחות, אבער דער רוח צפונית וועט נישט זיין, און מען וועט פארלירען דורך דעם די מצוה פון מילה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, והלך לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** ובניו הרבנים הגאוה"צ שליט"א, שישבו שבעה על פטירת **הגה"צ רבי פנחס שלום האגער זצ"ל** אב"ד דק"ק תורת חיים וויזניץ בבארא פארק.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**אב"ד וויזניץ וומסב"ג:** דער טאטע געדענקט, ווען דעם וויענער רב'ס זיידע, דער **סערדאהעלער רב** איז געווען אויף שבת אין פעסט ביים **בעלזער רב.**

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס זענען געווען אסאך רבנים דארט אויף שבת, איך געדענק נישט יעדן איינעם פונקטליך, דעם **סערדאהעלער רב** געדענק איך, אז ער איז געווען אויף שבת, און ער האט געדאווענט מנחה פארן עמוד. אין בעלזא האט מען זייער שנעל געדאווענט.

**אב"ד וויזניץ מאנסי:** דער טאטע זאגט דאך אייביג 'אלמלא ראיתי לא האמנתי' [בגודל מהירות התפלה אצל **הרה"ק מבעלזא זצ"ל**].

**האדמו"ר מוויזניץ:** אפילו די בעלזער חסידים האבען זיך געחידוש'ט.

**אב"ד וויזניץ וומסב"ג:** אויך ביי תהלים זאגן יום א' דסליחות[א].

**רבינו:** דער רבי האט געזאגט אמאל, אז מען האט געזאגט דעמאלטס, אז דער זיידע [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**] האט אויסגעטרעטן אינמיטן די שטילע שמונה עשרה, אז ער זאל קענען אנפאנגען די הויכע שמונה עשרה[ב].

---

[א] בקובץ עתיקות (גליון ג') מובא שיחת **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** אודות ימי שהותו בפעסט אצל **הרה"ק מבעלזא זצ"ל.** וסיפר שביום א' דסליחות עבר **הרה"ק מבעלזא** לפני התיבה לאמירת כל ספר תהלים כמנהג בעלזא, ואמר במהירות כל כך למעלה מגדר אנושי, וראה אז חסידי בעלזא שהיו מסתכלים זה על זה כמתמיהים על הנהגת **הרה"ק מבעלזא** המופלאה, אך כמה פעמים באמצע אמירת תהלים הפסיק הרה"ק ושתק למשך זמן מה, ואז הספיקו הציבור להשלים את המזמורים, ולהגיע למזמור שבו נמצא **הרה"ק מבעלזא זצ"ל.**

[ב] **האדמו"ר שליט"א** סיפר כמה פעמים **לרבינו שליט"א** עובדא זו, שבעת שהותו בצל **הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע** בשבת סליחות תש"ג לפ"ק, שהה שם **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל** [יחד עם בניו זצ"ל וכמה מתלמידיו שנתלוו אתו]. ובתפלת מנחה בערב שבת קודש נתכבד להתפלל לפני התיבה. וסיפר האדמו"ר את מה ששמע אז מפי החסידים שבעת תפילת המנחה פסע **הרה"ק מבעלזא** לאחוריו עם סיומו את תפלת השמונה עשרה, בעוד **שהגה"ק מסערדאהעלי** עמד עדיין באמצע תפלתו בלחש, ומיד כאשר הבחין **הגה"ק מסערדאהעלי** בכך, פסע לאחוריו באמצע תפילתו והתחיל מיד בחזרת הש"ץ. וביאר את הדבר להחסידים שעשה כך על פי המבואר במשנה (ברכות ה-א) שאפילו נחש כרוך על עקבו לא יפסיק, ובגמרא (שם לג.) אמר רב ששת לא שנו אלא נחש, אבל עקרב פוסק, והרי אמרו חז"ל (אבות ב-י) והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, שנשיכתן נשיכת שועל, 'ועקיצתן עקיצת עקרב', ועל כן הפסיק לכבודו של **הרה"ק מבעלזא** אף באמצע תפילתו ע"כ.

ובקובץ **אור הצפון** (קובץ ל"ג) מובא מזכרונות הרה"ח רבי יעקב אליעזר שטארק ז"ל, שנתלוה בשבת סליחות הנ"ל אל רבו **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל,** וזוכר גם כן עובדא זו שפסע

**האדמו"ר מוויזניץ:** אזוי האט מען געזאגט דארטן, איך ווייס נישט. אבער איך גלייב עס נישט.

**רבינו [בצחות]:** ער האט נישט אנגעהויבען די שטילע שמונה עשרה, ווייל ער האט געוויסט אז ער וועט דארפן מפסיק זיין.

**אב"ד וויזניץ וומסב"ג:** ווען דער **בעלזער רב** האט מכבד געווען מיט בענטשען, האט ער געוויזען אז מען זאלווארטן, און מען קען ענדיגען בענטשען[ג].

**האדמו"ר מוויזניץ:** איך האב מורא געהאט אז מען וועט מיר שטעכן, האט ער געוויזען אזוי נו נו, אז איך קען ענדיגן.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער איז אמאל געווען ביים **בעלזער רב** אין בעלזא, עס איז געווען שלש עשרה מדות, און ער האט נאך דעמאלטס מקפיד געווען צו דאווענען פאר חצות, ווען ער איז אריינגעקומען איז געווען צען מינוט צו צוועלף, און ווען ער האט געזאגט פסוקי דזמרה, - מיין טאטע פלעגט צו זאגן, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי איך האב עס געהערט פון אים - הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב ארדוף..אחד, ישתבח.

**האדמו"ר מוויזניץ:** כמעט ממש אזוי.., איך האב געהערט דערפון פארדעם [שמתפלל במהירות], אבער אזוי שנעל.., איך בין דאך געווען א פרעמדער איז עס געווען א חידוש, אבער אפילו די בעלזער חסידים האבען זיך געוואונדערט.

**וניחם רבינו שליט"א ואמר:** המקום ינחם אתכם וכו', מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, אז דער באשעפער שיקט א שמחה אין אזא צייט, וויל דער אייבערשטער אז דער רבי זאל זיך קענען משמח זיין.

*

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** להיכל בית המדרש הגדול לבוש מרדכי וויזניץ, להשתתף בשמחת נישואי נין **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, בן לנכדו הרה"ג רבי משה האגער שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד וויזניץ מאנסי שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מביקסאד שליט"א), עב"ג הכלה בת **הרה"ג רבי חיים מאיר ארנסטר שליט"א** (בן הגה"צ רבי מנחם ארנסטר שליט"א ר"י וויזניץ בני ברק, וחתן כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב – טשיקאגא שליט"א).

אחר החתונה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל הר"ר **פנחס שלום בערגער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי מנשה כ"ץ שליט"א** אב"ד פריימאן (וומסב"ג), עב"ג בת הרב **חיים שלמה טייטלבוים** שליט"א (בן הרב אלי' **בצלאל טייטלבוים** שליט"א), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה פון א זון פון רבי ישראל זאל זיין געזונט, און אן אייניקעל פון רבי שמואל זאל זיין געזונט. רבי שמואל איז א האלבער ארץ ישראל יוד, און במחשבה א גאנצער ארץ ישראל יוד, וועל איך משלב זיין דיביידע ענינים, ארץ ישראל מיט ברית מילה, וואס האט א שייכות צו די וואך אין די פרשה.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה ביי די חטא פון די מרגלים, אז דער אייבערשטער האט געשטראפט די יודען, ווייל מען האט גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל. און דער גאנצער דור איז נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, נאר מען איז געבליבען אינעם מדבר, במדבר הזה יתמו ושם ימותו (במדבר יד-לה). נאר זייערע קינדער שפעטער האט דער אייבערשטער אריינגעטראגען קיין ארץ ישראל. דער עונש איז פארשטענדליך, אז מען האט גערעדט אויף ארץ ישראל, קומט זיך אז מען זאל זיי נישט געבן ארץ ישראל. אזוי זאגט די גמרא

---

רבו באמצע התפלה והתחיל חזרת הש"ץ כנהוג בבעלזא, וגם נתכבד **הגה"ק מסערדאהעלי** בעליית כהן יעו"ש עוד.

[ג] בקובץ עתיקות הנ"ל מובא, שזה היתה בסעודת יום שבת סליחות תש"ג לפ"ק, **והאדמו"ר מוויזניץ שליט"א** שנתכבד לברך על הכוס, עמד באמצע ברכת המזון כשסיים הרה"ק לברך, והראה לו הרה"ק בידו שיכול לסיים ברכת המזון.

(ברכות סב:), ווען איינער איז מבזה בגדים, איז ער צום סוף נישט נהנה דערפון. אז א מענטש טוט גרינגשעצן אין א מתנה וואס מען גיט אים, נעמט מען צו די מתנה פון אים.

**מען** געפונט אבער, אז דער אייבערשטער האט מעניש געווען יודען מיט נאך א זאך. זייט די חטא פון די מרגלים, לא נשב להם רוח צפונית. רוח צפונית איז א גוטע ווינט, וואס ברענגט רפואות און טובה אויף די וועלט, און זיי זענען געווען ניזופין, זיי זענען געווען אנגעשריגען פונעם אייבערשטען, און דער רוח צפונית האט נישט געבלאזען אינעם מדבר. פארוואס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבען דעם שטראף, אז די רוח צפונית האט נישט געבלאזען אינעם מדבר.

**ווען** עס איז דא א ברית, איז דער מנהג אז מען זאגט ביים דאווענען די פסוקים פון וכרות עמו הברית (נחמיה ט-ח), פסוק בפסוק. די פשוטע פשט איז, ווייל ביי וכרות עמו הברית רעדט מען פון א ברית, און אז עס איז דא א ברית מילה, האט מען געזאגט די פסוקים הויך. אבער עס דארף האבען א ביאור, ווייל וכרות עמו הברית האט גארנישט צוטון מיט ברית מילה. מען רעדט פון א צווייטען ברית, וכרות עמו הברית לתת את ארץ הכנעני. מילה איז א ברית, און כניסת הארץ איז אויך א ברית, אבער עס איז צוויי באזונדערע זאכען. ווי קומט אהער ביי א ברית מילה, אז מען זאל זאגען הויך וכרות עמו הברית לתת את ארץ הכנעני.

**איך** האב געזען אין **ליקוטי מהרי"ח** (סדר המילה), אז אזוי ווי מען דרשנ'ט פון וכרות עמו הברית (הובא ברש"י בראשית יז-כד), אז ווען אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, איז אים געווען שווער זיך צו מל'ן, און דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפען אז ער זאל זיך קענען מל'ן, וכרות 'עמו' הברית. ליגט אין דעם פסוק א רמז אויף די ברית פון אברהם אבינו, אז דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפען, און וועגען דעם זאגט מען הויך די פסוקים פון וכרות עמו הברית.

**עס** קען אפשר זיין נאך א פשט. אויסער דער שכר וואס איז דא אויף יעדע מצוה, האט יעדע מצוה א געוויסע סגולה, וואס די מצוה ברענגט די און די תוצאה. ווען דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אברהם אבינו די מצוה פון מילה, האט ער אין די זעלבע פרשה צוגעזאגט, אז ער וועט אים געבן ארץ ישראל. ונתתי לך ולזרעך אחריך את ארץ מגוריך, את כל ארץ כנען לאחוזת עולם (בראשית יז-ח), איך וועל געבן פאר דיר און פאר דיינע קינדער ארץ ישראל. דער באשעפער האט משלב געווען, אז מען זאל וויסען אז די מצוה פון מילה האט א סגולה אז מען זאל האבען ארץ ישראל. ווען יודען זענען נצטוה געווארן אויף די מצוה פון מילה, האבען זיי אויך באקומען די ברכה פון ארץ ישראל. איז וכרות עמו הברית לתת את ארץ הכנעני, פארבינדען מיט ברית מילה. ווייל ביי די ציווי פון ברית מילה, איז געקומען די הבטחה אז דער אייבערשטער וועט געבן ארץ ישראל.

**קומט** אויס, אז ווען יודען זענען מקיים מצות מילה, האט מען א הבטחה אז מען וועט באקומען ארץ ישראל. יעצט ביי די מרגלים האט דער באשעפער צוגענומען פון זיי ארץ ישראל, אז ער וועט זיי נישט אריינטראגען קיין ארץ ישראל ביז פערציג יאר שפעטער. אויב יודען וועלן מקיים זיין מצות מילה די גאנצע צייט, איז עס א סתירה. ווייל אויף מצות מילה איז דא א סגולה אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער געבט זיי נישט ארץ ישראל.

**די** גמרא (יבמות עב.) זאגט, אז אזוי ווי לא נשיב להם רוח צפונית אין מדבר, האבען זיי זיך נישט געקענט מל'ן. קומט אויס, אז מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט צוגענומען די רוח צפונית, האט ער פון זיי צוגענומען די מצוה פון מילה. און אז ער האט צוגענומען פון זיי די מצוה פון מילה, האבען זיי נישט געהאט די סגולה פון אריינגיין קיין ארץ ישראל. עס איז געווען פארבינדען איינס מיטן אנדערע, ווייל דער אייבערשטער וויל זיי נישט אריינטראגען קיין ארץ ישראל, אויב זיי וועלן מקיים זיין מצות מילה, איז דאך מצות מילה א סגולה אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, ווי אזוי וועט דער אייבערשטער זיי קענען צוריקהאלטען פון אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. האט דער באשעפער געמוזט אוועקנעמען די רוח צפונית,

כדי אז מיט דעם זאל ער מבטל זיין פון זיי די מצוה פון מילה די גאנצע פערציג יאר וואס מען איז געווען אין מדבר, און אז עס נישט דא די מצוה פון מילה, איז נישט דא קיין כניסת ארץ ישראל. אבער תיכף ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז מען נצטוה געווארן שוב מול את בני ישראל שנית, אז מען זאל זיך מל'ן, ווייל מצות מילה איז מכוון אקעגען ארץ ישראל.

**אז** דער אייבערשטער העלפט, און מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז עס א קירוב פאר די גאולה, אז מען זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל. גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך (זכריה ט-יא), טייטשט רש"י, גם את בדם בריתך, אין דעם זכות וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, שלחתי אסיריך, וועט דער אייבערשטער אונז ארויסשיקען פון גלות, ווי מיר זענען איינגעשפארט צווישן די אומות העולם.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הגיע לבית **רבינו שליט"א** קבוצת בחורים מישיבת סאטמאר בקרית יואל, יחד עם המנהל הרב רבי **וואלף לאנדא** שליט"א, להבחן על שלחן ערוך יו"ד ח"א. אחר הבחינה השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** מוז זאגען מקצת שבחו בפניו, איך האב שוין לאנג נישט אזוי הנאה געהאט, אז בחורים זאלן אזוי שיין ענטפערן, אויף וואס מען האט געפרעגט. יעדער איינער האט ב"ה זייער פיין גע'ענטפערט. יעצט איז די שענסטע יארן אינעם לעבן. וואס מען איז יעצט קונה, מיט דעם בלייבט מען שפעטער. איך קען יורה דעה אויסענווייניג, נישט ווייל איך האב עס געלערנט ווען איך בין געווען א יונגערמאן, נאר איך האב עס געלערנט ווען איך בין געווען אזוי אלט ווי ענק. און איך האב עס געחזר'ט, געדענק איך עס. מען דארף אסאך חזר'ן, און זיך נישט פארלאזען, אז מען האט עס פארהערט, און מען קען שוין, און מען געדענקט עס, ווייל מען פארגעסט וואס מען לערנט. אזוי איז תורה, התעיף עיניך בו ואיננו (משלי כג-ה), אז מען מאכט זיך צו אביסל די אויגען פארגעסט מען. יעצט איז די צייט וואס מען דארף עס איבערחזר'ן, אז מען זאל עס גוט געדענקען.

**אין** לנו שיור רק התורה הזאת, מיר האבען נישט עפעס אנדערש נאר תורה, און וואויל איז פאר א בחור וואס לייגט זיך אריין אין תורה. אין די יארן, דארף א מענטש פארגעסן פון אלעס וואס טוט זיך אויף די וועלט, עס זאל אים נישט אינטערעסירען קיין שום זאך. נישט קיין פאליטיק, און נישט קול מבשר, נאר דער שלחן ערוך. וואס מען איז יעצט קונה, דאס וועט ענק אייביג צוניץ קומען, און איר וועט עס געדענקען אויף שטענדיג. אז מען פארפאסט די יונגע יארן, האט מען פארפאסט נישט נאר די יארן, נאר דאס גאנצע לעבן. דאס גאנצע לעבן שפעטער איז אנדערש ביי א בחור וואס האט אויסגענוצט זיינע בחורישע יארן, ווי דער וואס נוצט עס נישט אויס.

**החכם** עיניו בראשו, א חכם ווארט נישט אויף צום סוף, א חכם קוקט שוין יעצט, אין אנהייב, ווי אזוי ער וויל אז זיין לעבן זאל אויסזעהן שפעטער. צו ער זאל אויסוואקסען א טראק דרייווער, צו ער זאל אויסוואקסען א מגיד שיעור, ווענט זיך יעצט. נישט שפעטער קלויבט מען זיך די ארבעט, נאר עס ווענט זיך יעצט. אז מען לערנט פלייסיג, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם, און אז דער אייבערשטער העלפט, וואקסט מען אויס א מרביץ תורה. און אז נישט, עסט מען אליין די פירות דערפון. אז מען פלאגט זיך נישט יעצט, וועט מען זיך פלאגען שפעטער.

**אשרי** חלקם פון די בחורים וואס זיצען און לערנען פלייסיג, איך פארשטיי אז דאס קומט מיט אסאך התמדה, ווייל אז נישט קען מען זיך נישט פארהערן יורה דעה, אזוי ווי איר האט זיך עס פארהערט. און איך וויל געבן חיזוק אויף ווייטער אויך, אז מען זאל ממשיך זיין, און לערנען הל' תערובות, א יוד דארף קענען כל התורה כולו. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין ווייטער אויך מיט אסאך הצלחה, און ענקערע מגידי

שיעורים זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת. איר זאלט ווייטער שטייגען אין תורה און אין עבודת ה', און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **שלמה וויינשטאק** הי"ו (בן הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **מרדכי האלפערט** הי"ו, שהתקיים בבית הר"ר **הערשי ווייס** הי"ו (חתן הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו), ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אטייל צונעמען ביי די שבע ברכות, פון א חשובן ידיד, רבי ישראל'ס אייניקל. מיר לערנען שוין אסאך יארן אינאיינעם (בשיעור השבועי בשו"ע), ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל, א שיינער שידוך פוןביידע צדדים. מען האט זיך פריער געשטעלט, פארוואס מען זאגט ענפי הגפן בענבי הגפן, און נישט א צווייטע פרוכט. עס שטייט אין פסוק (דברים לג-ד), תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, דער אייבערשטער האט אונז איבערגעגעבן די תורה, און די תורה איז א מורשה פארן כלל ישראל. אין די גמרא (פסחים מט:) שטייט, אל תקרי מורשה אלא מאורסה, די תורה איז א בחינה פון א כלה, מיט כנסת ישראל.

**דער** עיקר חשיבות ווען מען שטעלט אויף א יודישע שטוב איז, אז מען זאל גיין בדרכי אבות, און עס זאל נישט זיין א שינוי פון וואס מען האט געזען ביי די עלטערן. מען מעג זיין בעסער פון די עלטערן, אבער מען זאל נישט צוריק גיין. און ווען מען גייט אויף דעם וועג, צאי לך בעקבי הצאן (שיר א-ח), אויף דעם וועג וואס איז אויסגעטרעטן, ווייסט מען אז עס איז גוט, און מען האט שפעטער א שיינע ערליכע שטוב.

**יעדע** פרוכט וואס מען קוועטשט אויס, און עס קומט ארויס די תוצאה פון די פרי, איז עס שוואכער פון די פרי אליין. יעדע משקה וואס מען נעמט ארויס פון א פרי, איז די הלכה אז די ברכה איז א שוואכערע ברכה, פון וואס עס איז געווען פארדעם. ווייל די תולדה פון א פרי, איז שוואכער פון די עצם פרי אליין. אויסער ביי וויין איז נישט אזוי. ביי וויין איז די חשיבות פון די תולדה, אסאך מער פון די פרי אליין. אויף די טרויבען מאכט מען א בורא פרי העץ, און אויף יין מאכט מען די ברכה בורא פרי הגפן. יין איז משמח, איז עס קובע א ברכה לעצמה. זעהט מען דארט אז די תולדה דערפון, די קינדער, איז בעסער פון די פרי אליין. ווען עס קומט זיך צוזאם א שיינער יודישער שידוך, וואס איז פון ביידע צדדים שטובער פון תורה און עבודה און יראת ה', איז עס ענבי הגפן בענפי הגפן, עס איז טרויבען מיט טרויבען, אז די קינדער פון זיי, די יין, טוט נאך איבערשטייגען די חשיבות פון די פריערדיגע. נישט נאר אז מען גייט נישט אוועק פון די וועגן פון די עלטערן, נאר מען טוט נאך מוסיף זיין. מען געבט נאך צו, א גרעסערע חשיבות.

**די** גמרא (בבא מציעא פה.) זאגט, כל מי שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם. עס איז דא אן הבטחה פונעם אייבערשטען, אז ווען עס איז דא דריי דורות תלמידי חכמים, א קינד מיט א טאטע און א זיידע, וועט זיך די תורה נישט אויפהערן. אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה נט-כא) לא ימושו מפיך, ומפי זרעך, ומפי זרע זרעך, אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם, אז עס וועט זיך ציען אויף שפעטער. מען זעהט אבער, אז עס איז נישט אייביג אזוי. מען זעהט אסאך מאל אז עס קומט ח"ו ארויס פון גוטע שטובער, נישט קיין געהעריגע פירות. דער טאטע איז א תלמיד חכם, און דער זיידע איז א תלמיד חכם, און דער עלטער זיידע איז א תלמיד חכם, און די קינדער זענען נישט אזוי.

**עס** איז דא א **ספר חסידים** (סימן קעו), וואס ער שרייבט, אז די סיבה דערפון איז, ווייל אינמיטן האט מען געטון א שידוך וואס איז נישט געווען פאסיג פאר די אבות. עס איז נישט געווען צוגעפאסט איינס פארן אנדערן, האט זיך דארט אויפגעהערט די כח, אז עס זאל קענען נמשך ווערן אויף ווייטער. ווען דער שידוך איז נישט א פאסיגער שידוך, הערט זיך עס אויף, אויף א דור, אדער צוויי דורות. אבער עס קומט נאכדעם צוריק

די הבטחה פון לא ימושו מפיך, ומפי זרעך, ומפי זרע זרעך.

**קומט** אויס, אז תורה איז א מורשה, עס גייט איבער בירושה. ווען ער איז א תלמיד חכם, און דער זון איז א תלמיד חכם, און דער אייניקל איז א תלמיד חכם, גייט איבער די תורה בירושה. תורה צוה לנו משה 'מורשה', עס איז א ירושה פאר די דורות שפעטער. אבער אל תקרי מורשה, מען קען נישט רופן אז די תורה איז א ירושה, אלא מאורסה, עס ווענט זיך וועלכע שידוך מען טוט. אז מען טוט א היימישע יודישע שידוך, וואס עס איז נישט דא א הפסק אינדערמיט, דעמאלטס וועט עס זיין א מורשה, עס וועט זיין א ירושה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** במסיבה לטובת הכולל בוויליאמסבורג, שהתקיים בבית חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, ראש הכולל. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו א מסיבה פאר די החזקה פונעם כולל. איך דארף נישט ארויסברענגען וואס דער כולל איז, אלע וואס זיצען דא, זענען אבער זיי אליין געווען יארן אין כולל, אדער האבען זיי קינדער אינעם כולל. ב"ה עס איז פקיע שמיה, מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, און עס וואקסען ב"ה אויס תלמידי חכמים. אפילו די וואס גייען שפעטער ארויס צו די ארבעט, שטעלן אויף שיינע יודישע שטובער. און עס איז א גרויסער זכות פאר די וואס האבען א חלק מחזיק צו זיין תורה.

**די** וואך אין די פרשה, און אין די קומענדיגע וואך, זאגט די תורה אז מען דארף געבן פאר די כהנים מתנות כהונה. די וואך שטייט אין די תורה די פרשה פון חלה, און אין די קומענדיגע וואך שטייט, אז מען דארף געבן תרומות און מעשרות. שבט לוי האט נישט באקומען א חלק אין ארץ ישראל, זיי האבען נישט באקומען נחלת הארץ, נאר כלל ישראל האט זיי אויסגעהאלטן. יעדער האט געדארפט געבן תרומות און מעשרות און חלה און די כ"ד מתנות כהונה פאר שבט לוי, און פון אלעם צוזאמען האבען זיי געהאט פרנסה.

**דער** רמב"ם (הל' שמיטה ויובל יג-יג) שרייבט, אז אפילו היינט וואס עס איז נישט אפגעטיילט יעדער שבט עקסטער, איז אין יעדען דור דא א שבט לוי. ווען איינער איז זיך מקדיש פארן אייבערשטען, ער נעמט אויף זיך צו זיצען און צו לערנען, ה' חלקו ונחלתו, און ער ווערט נתקדש ביים אייבערשטען קודש קדשים. שבט לוי איז טייטש, ווער עס האט זיך אפגעזונדערט פון די וועלט, און ער האט געגומען אויף זיך צו דינען דעם אייבערשטען. און אזוי ווי דעמאלטס האט שבט לוי באקומען זייער חלק פונעם כלל ישראל, יעדער האט זיך געדארפט משתתף זיין אז שבט לוי זאל האבען פון וואס צו לעבן, איז היינט אויך דא די מצוה פון תרומות און מעשרות, דאס וואס מען איז מחזיק תלמידי חכמים, אז זיי זאלן קענען ממשיך זיין צו זיצען און לערנען, דאס איז אונזער תרומות און מעשרות וואס מיר געבן פאר שבט לוי.

*

**עס** שטייט ביי תרומה, ונחשב לכם תרומתכם, כדגן מן הגורן וכמלאה מן היקב (במדבר יח-כז). עס קען זיין, אז דער פשט דערפון איז. דער הייליגער **חתם סופר** (בפרשתינו צ"ז ד"ה חלף, ובתו"מ פ"ד ד"ה ונחשב) שרייבט, אז לעולם קומט אויס, אז שבט לוי האט באקומען מער וויפיל כלל ישראל האט באקומען. ווען מען האט צוטיילט ארץ ישראל פאר די צוועלף שבטים, האט יעדע שבט באקומען א צוועלפטל חלק פון ארץ ישראל. וואלט פאר שבט לוי אויך אויסגעקומען א צוועלפטל חלק פון די תבואה פון ארץ ישראל. אבער היינט אז זיי האבען נישט באקומען א חלק, און יעדער געבט פאר שבט לוי א צענטעל פון וואס מען האט. קומט אויס אז שבט לוי באקומט א צענטעל פון די פירות. באקומט דאך שבט לוי אסאך מער, פון וויפיל כלל ישראל האט באקומען. ווען זיי וואלטען באקומען א נחלה אין ארץ ישראל, וואלטן זיי געהאט נאר א צוועלפטל חלק, און היינט באקומען זיי א צענטל חלק. דאס מיינט צו זאגען, אז נישט

נאר אז די איבריגע שבטים באקומען וויניגער, נאר זיי געבן נאך אוועק פאר שבט לוי, מער מיט צוויי חלקים, פון וואס זיי האבען באקומען. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, אז שבט לוי וואס זיצט און לערנט און דינט דעם אייבערשטן, זאל האבען מנוחה. זיי דארפן מער פון א צווייטען, כדי זיי זאלן נישט האבען קיין טירדות עולם הזה, פון ווי ער זאל אויסקומען. האט די תורה געהייסען, אז מען זאל אוועקגעבן פאר שבט לוי, מער פון וויפיל זיי וואלטן געהאט פאר זיך אליין.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** (תו"מ פ' שמות י"ב ד"ה ועדיין) שרייבט, אז לעולם וואלט געדארפט צו זיין, אז שבט לוי וואס מען געבט זיי תרומות און מעשרות, זאלן האבען א קופה, וואס מען זאל דארט צוזאמנעמען די תרומות און מעשרות פון יעדען איינעם, און איינער זאל זיין ממונה, אז ער זאל עס צוטיילען פאר גאנץ שבט לוי. אבער עס איז נישט אזוי געווען, נאר יעדער איינער האט אראפגענומען א צענטעל פון וואס ער האט, און ער האט זיך געקענט אויסקליבען פאר וועלכן לוי ער וויל עס געבן. און עס האט געקענט אויסגעקומען, אז איינער האט געקענט זיין אן עושר פון די מתנות כהונה, און איינער וואס האט נישט געהאט קיין גוטע פריינט, האט געקענט בלייבען אן עני. פארוואס האט נישט די תורה געזאגט, אז מען זאל צוזאמנעמען די מעשר פון יעדעם איינעם, און עס זאל זיין א קופה פאר שבט לוי, און שבט לוי זאל עס צוטיילען פאר אלע משפחות אייניג.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, אז שבט לוי אליין זאל נישט זיין ביי זיך אזוי זיכער, אז זיי האבען זייער פרנסה אין די הענט. ער דארף גארנישט טון, ער זיצט און לערנט, און דער אייבערשטער איז אים מזמין זיין חלק. ניין, דו ביזט אויף אנגעוויזען אויף חסד ה', דו דארפסט אויף האבען בטחון. מען שטעלט דיר טאקע צו איינעם וואס וועט געבן פאר שבט לוי, אבער אז דו זאלסט עס באקומען, און נישט א צווייטער, אויף דעם דארפסטו מתפלל זיין. דער באשעפער האט געוואלט, אז אפילו שבט לוי וואס זענען עובדי ה', זיי דינען דעם אייבערשטען, זאלן אויך האבען דעם חלק הבטחון, וואס א יוד דארף זיך פארלאזען אויפן באשעפער, אז ער וועט האבען זיין פרנסה. האט מען אויסגעשטעלט אז דער גאנצער שבט לוי באקומט נישט צוזאמען, נאר יעדער איינער האט באקומען פאר זיך. און עס קען אמאל אויסקומען אז איינער זאל זיין אן עושר, און איינער זאל זיין אן ארימאן. עס איז נישט גענוג אז מען לערנט תורה, נאר די לומדי תורה דארפן זיין עובדי ה'. און כדי ער זאל קענען זיין אן עובד ה', מוז ער שטענדיג לעבן מיט בטחון, ער זאל וויסען אז די פרנסה ליגט נישט אין זיין הענט, נאר עס קומט פונעם אייבערשטען.

*

**ווען** מען געבט אוועק פאר יענעם, דאכט זיך אסאך מאל פאר א מענטש, אז ער וועט האבען וויניגער, ווייל ער האט דאך אוועק געגעבן פאר א צווייטען. און עס איז שווער אמאל פאר איינעם צו נעמען א זאך וואס ער האט זיך געפלאגט דערויף, און עס אוועק געבן פאר אן אנדערן. אבער עס איז נישט אזוי, מיר ווייסען אז וואס א יוד געבט פאר א צווייטען, געבט ער נישט פאר אן אנדערן, נאר ער געבט עס פאר זיך אליין. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז ונתנו (שמות ל-יב) זענען די זעלבע אותיות אהין און צוריק, ווייל וואס מען געבט פאר א צווייטען, צאלט דער אייבערשטער צוריק. דאס וואס א יוד מאכט פרנסה, איז נישט קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, נישט ווייל ער האט געארבעט, נישט ווייל זיין חכמה האט עס פארשאפט, נאר ער איז אנגעוויזען אויף חסד ה'. לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר (קהלת ט-יא), עס האט נישט צוטון מיט חכמה אדער מיט נבונות, נאר אויף דעם איז מען אנגעוויזען אויף סייעתא דשמיא. פאר איינעם געבט דער אייבערשטער, און פאר איינעם געבט ער נישט.

**כדי** מען זאל קענען האבען דעם סייעתא דשמיא, אז דער באשעפער זאל אים געבן, דאס ווענט זיך אין זיין צדקה וואס ער געבט. וויפיל דו געבסט פאר א צווייטען, טוט דער אייבערשטער אויך געבן

פון זיינעם, פאר דיר. וואס א מענטש באקומט, באקומט ער דאך אויך פונעם אייבערשטען, ער באקומט עס אויך פון אן אנדערן. און כדי מען זאל מעורר זיין אויבן, אז דער אייבערשטער זאל געבן פאר איינעם פון זיינעם, אז דו געבסט פאר אן אנדערן, געבט דיר אייבערשטער פאר דיר.

**די** גמרא (שבת קנא:) זאגט, אז רבי חייא האט געזאגט, כי אתא עניא אקדים ליה ריפתא, ווען עס קומט אן ארימאן, זאלט איר זיך מקדים זיין צו געבן א שטיקל ברויט, כי היכי דלקדמו לבניך. א מענטש איז נישט געזיכערט, דיינע קינדער קענען זיין אמאל אנגעוויזען, אז זיי וועלן דארפן בעטן. אבער אז מען געבט פאר א אנדערן, וועט דער אייבערשטער העלפען, אז מען וועט געבן פאר דיינע קינדער אויך. קומט אויס, אז ווען א מענטש געבט אוועק פאר א צווייטען, דארף ער טראכטען ביי זיך, איך געב עס נישט פאר א צווייטען, איך געב עס פאר מיר. אין דעם וואס איך געב פאר א צווייטען, ליגט מיין כח השפעה, און מיין פרנסה. ווען איך אדער מיינע קינדער וועלן זיין אמאל אנגעוויזען, וועט מיר דער אייבערשטער אויך באצאלן, און מען וועט מיר געבן.

**קומט** אויס, אז ווען מען געבט אוועק תרומה פאר שבט לוי, אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען, דארף מען נישט שפירן ווי איך האב אוועקגעגעבן פאר יענעם, נאר איך געב עס פאר מיר. עס איז אן אינוועסטמענט אין מיין ביזנעס. ווען א מענטש נעמט געלט, און ער טוט עס אינוועסטען ערגעץ, נעמט ער אויך זיין געלט, און ער לייגט עס אריין ביי יענעם. און עס טוט אים גארנישט ווי דאס הארץ, אז ער האט גענומען זיין געלט, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר א צווייטען, ווייל ער ווייסט אז יענער וועט אים ברענגען דערפון רווחים. ווען א מענטש גלייבט אז וואס ער געבט צדקה, באקומט ער עס נאכדעם צוריק פונעם אייבערשטען, געבט ער עס מיט א גוט הארץ. ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך (דברים טו-י), עס איז אן אינוועסטמענט, און אן אינוועסטמענט טוט נישט ווי דאס הארץ ווען מען געבט עס אוועק פאר א צווייטען, ווייל ער ווייסט אז ער וועט פארדינען דערויף. אזוי דארף א מענטש אנקוקען די צדקה.

**איך** האב געזאגט פאריגע וואך ביים לערנען פרקי אבות, יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך (אבות ב-יב), געוועונליך טייטשט מען, אז א מענטש איז חס אויף זיין געלט, אבער אויף יענעמס געלט איז ער נישט חס. זאגט מען, אז ממון חבירך זאל זיין חביב עליך כשלך, ער זאל חס זיין אויף יענעמס געלט אויך. דער פשט איז, א מענטש האט ליב זיין געלט. וואס ער נעמט פאר זיך, וואס ער לייגט אוועק פאר זיך, איז באליבט ביי אים. אבער געלט וואס ער דארף אוועקגעבן פארן חבר, דאס איז שוין נישט אזוי באליבט ביי אים, ווייל ער געבט דאך עס אוועק פאר א צווייטען. יהי ממון חבירך, געלט וואס דו געבסט אוועק פאר דיין חבר, זאל זיין חביב עליך כשלך, עס זאל זיין ביי דיר חביב, און דו זאלסט טראכטען, כשלך, כאילו דו געבסט עס פאר דיר. ווען דו לייגסט עס אריין אין די באנק, און דו ווייסט אז עס וועט ברענגען פראצענטען, געבסטו עס מיט א גוט הארץ. ווען דו געבסט עס פאר לומדי תורה, האסטו עס אויך געגעבן אויף א גוט פלאץ. יהי ממון חבירך, געלט וואס דו געבסט אוועק פאר דיין חבר, זאל זיין חביב עלך כשלך, אזוי ווי דיינס.

**דער** נותן וואס געבט אוועק די תרומה, טוט אים אסאך מאל ווי דאס הארץ, מיין פלאג געב איך אוועק פאר אן אנדערן. זאגט די תורה, ונחשב לכם, איר זאלט טראכטען ביי ענק, תרומתכם, די תרומה וואס איר געבט אוועק פאר א צווייטען, דאס איז כדגן מן הגורן, אזוי ווי דו וואלסט גענומען די דגן, און עס אריינגעלייגט אין א גורן. ווען א מענטש נעמט זיינע פירות, און ער לייגט עס אריין אינעם גורן, טוט אים נישט ווי דאס הארץ, ווייל ער ווייסט אז פון דעם וועט ער שפעטער עסן. ונחשב לכם, עס זאל פאר דיר גערעכנט ווערן, א יוד דארף טראכטען במחשבה, תרומתכם, די תרומה וואס ער געבט אוועק פאר א צווייטען, דאס איז כדגן מן הגורן וכמלאה מן היקב, אזוי ווי דו וואלסט עס אוועק געלייגט פאר דיר. 'יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך', ווען מען געבט אוועק פאר א צווייטען, דארף מען עס מחשיב זיין ווי איך האב עס געגעבן פאר מיר אליין. איך האב געגעבן צדקה, איך האב געגעבן פאר לומדי תורה וואס זיצען און לערנען, דער באשעפער וועט דאס

צוריק באצאלן, און דער באשעפער וועט מזמין זיין פאר א מענטש, וואס ער דארף צו האבען.

**דער** זאל אייבערשטער געבן די אלע ברכות וואס שטייט אויף נתינת צדקה, און אויף החזקת התורה, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז). תורה ברענגט דאך מיט זיך אלע השפעות וואס א מענטש דארף האבען, עץ חיים היא למחזיקים בה, עס איז אן עץ חיים פאר די וואס זענען מחזיק תורה, ותומכיה מאושר (שם ג-יח). דער באשעפער זאל אונז אלע בענטשען מיט אריכת ימים ושנים, מיט לאנגע געזונטע יארן, פרנסה בהרחבה, און הצלחה אין וואס מען טוט. נחת ביי די קינדער, אז מען העלפט אנדערע זאלן זיצען און לערנען, געבט דער אייבערשטער אז מען האט אליין קינדער תלמידי חכמים, מאן דרחים רבנן הוי ליה בנין רבנן (שבת כג:), זאלן מיר אלע זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **גרשון שטערן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **טובי' צבי גראס** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הגה"צ רבי בן ציון שנעבאלג שליט"א** אב"ד ראזלא, עב"ג בן **הרה"ג רבי אלעזר מאסקאוויטש שליט"א**, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אח"כ השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי חיים שלמה אדלער שליט"א** (וומסב"ג, בן הגה"צ אב"ד אמרי נועם טאראנטא שליט"א, וחתן הגה"צ דומ"ץ סקולען שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי אלעזר בראדי שליט"א**, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **משה שמואל לאקס** ני"ו, בן הר"ר **ישעי' אליעזר לאקס** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **חיים לעבאוויטש** הי"ו (פלעטבוש), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר החופה רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יוסף בנציון שווארץ** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **שמואל כף** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת שלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, להשתתף אצל הכינוס הגדול 'ובחרת בחיים', שהתקיים ב'ראקלענד באולדערס סטעדיום', שמה נתאספו אלפי בחורי הישיבות בניו יארק, לשמוע את דבר ה' בנסיונות הזמן, להתחזק ולעמוד איתן בעד המשחית בעניני טעכנאלאגיע, ולהוסיף גדרים וסייגים בקדושה, להמשיך בעוז ותפארת את כרם בית ישראל.

אחר תפלת מנחה ואמירת פרקי תהלים, נפתח מעמד הכינוס בדברי פתיחה בחובת השעה מאת יו"ר האסיפה **הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א** ר"י אור תורה. אחריו נשא דברים מלהיבים **הרה"ג רבי אפרים וואקסמאן שליט"א** ר"י מאור יצחק. ברטט נשמעו דברות קודש מאת **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**.

אחר כך נשמע משא הקודש ודבר ה' ברמה על ידי **רבינו שליט"א**, אשר בקול רגש ומעורר הלבבות פתח את דבריו בגודל השראת השכינה ששורה במקום הזה, בעת שמתקבצים המוני בחורי ישראל לקבל עליהם גדרי קדושה, ואשרי חלקם אשר בו בזמן שבחוצות קריה נושבות רוחות של טומאה וזוהמה, הם ממלאים הבתי מדרשות בלימוד תורה הק' ועבודת השי"ת, ומתנזרים מכל הבלי עולם הזה, ועליהם הקב"ה מכריז בכל יום כמאמרם ז"ל (פסחים קיג.) על רווק הדר בכרך ואינו חוטא. והגיענו הלילה הזה לקבל דברי חיזוק ועידוד להמשיך בקדושה זו גם להלאה, כי הרבה תפילות ובקשות צריך כל בחור להתחנן לפני קונו, שיוכל לשמור עצמו להתנהג בקדושה וטהרה, ועל זה ביקש דוד המלך (תהלים יב-ח) אתה ה' תשמרם, תצרנו

מן הדור זו לעולם, שלא יכשלו בעוונות הדור ותאוותיו שרבו למעלה ה"י.

הנה אמרו חז"ל (סוטה ב.) הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין, כמו כן אנו, כאשר רואים הירידה בבני נוער, אשר חלקם עזבו דרכי התורה למחצה לשליש ולרביע, ויצאו הם וחבריהם לתרבות רעה, - אשר אף שכלפי חוץ מראים פנים שוחקות, פנימיות לבם שבור לשברי שברים, – וירידתם התחילה על ידי השתמשות קלה בכלי האינטערנעט, וככה ירדו עד הדיוטא התחתונה. וצריכים אנו לקבל מזה תוכחת מוסר, להזיר עצמו מכלי זו בגדר אמיץ וחזק, שלא ליפול לבאר שחת ח"ו.

בדברי חיזוק ועידוד המשיך בדבריו, אשר גם מי שכבר נכשל בעבר, ולבו נשבר לרסיסים על מצבו, ידע נאמנה אשר ידו של הקב"ה פתוחה לקבל שבים, ומונח לפניו עתיד מזהיר, כאשר יקבל על עצמו עול תורה שלא ישוב לכסלה עוד. ומצינו בירבעם שחטא והחטיא את הרבים, שאמר לו הקב"ה, חזור בך ואטייל עמך בגן עדן, ויוכל לזכות לתענוג רוחני זו אשר אין למעלה ממנו.

צריך כל אחד לדעת אשר שמירת עינים אינו מדת חסידות, זהו עקרי וגופי תורה, וגם בעת שהתירו גדולי ישראל ההשתמשות באינטערנעט עם פילטער לצורך פרנסה, היתה רק בהכרח באין ברירה לפי מצב הפרנסה. אבל בבחורי ישראל אשר אין שייך אצלם היתר זו, לא יגעו בכלי זו. **'זיי דארפן זיין אפגעהיטן, און נעמען אויף זיך אז איך גיי נישט צורירן צו די כלי. איך גיי דאס נישט נעמען אפילו צו מאכן א פשוטן טעלעפאן קאל! אפילו ווען אין שטוב, איז דער טאטע יא אנגעוויזן צו האבן א כלי מיט א פילטער, איז דאס נאר פאר אים, אבער פאר מיר איז דאס טריפה, איך וועל דאס נישט צורירן'.**

**רבינו שליט"א** סיים את דבריו, שבכדי לזכות להארת עינים בתורה, תלוי כפי עוצם הנהגת האדם בקדושה וטהרה. ונר המערבי שהיתה עומדת סמוך לקדשי קדשים היתה דולקת לעולם, וכמו כן נר ה' נשמת אדם שדבוק בה' ומתנהג בקדושה, נר זו דולקת למעלה מדרך הטבע, וכל רוח שבעולם אינו מכבה אורו. **'לאמיר היינט אוועק גיין פון דא, מיט א פעסטע החלטה. ווען מען זיצט צוזאמען אונטער אזא השראת השכינה, פון טויזנטער בני תורה אינאיינעם, זאל יעדער בחור נעמען אויף זיך, איך פארגעס וואס עס איז געווען נעכטן, פון היינט און ווייטער וועל איך נישט צורירן צו די כלי! איך וועל נישט מאכן קיין שום טעלעפאן קאל. קיין שום זאך וואס עס איז פארבינדן מיט דעם, האט מיט מיר נישט צו טון! איך וועל זיך אפהיטן דערפון, אזוי ווי א כהן היט זיך אפ פון טומאה, וועל איך מיך אפהיטן פון די כלי. לאמיר דאס מקבל זיין אויף זיך, וילכו ויעשו, וועלן מיר שוין ווערן גערעכנט פארן אייבערשטן, כאילו מיר האבן דאס אויסגעפירט בפועל, און מיר האבן זיך שוין געמאכט פאר א כלי פאר השראת השכינה, אז מען זאל קענען שטייגן אין תורה'.**

ובזכות שנקבל גדרי קדושה, יערה ה' עלינו רוח ממרום, להתגדל לתמידי חכמים ויראי ה'. והקב"ה ישלח אריכות ימים ושנים לזקני צדיקי ישראל, **'וואס זייער הארץ גייט אויס פאר ענק, און זיי זוכן אויפצוהייבן דעם כלל ישראל'**, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו בב"א. (תוכן דברות קודש נדפס בגליון מיוחד ע"י מכון מעדני מלך).

עם סיום משאו של **רבינו שליט"א** השמיע היו"ר **הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א** דברי סיכום והחלטת הכינוס, ואחר כך נשמע קולו בקודש של **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א** בדברי ברכה והתחזקות לאלפי בחורי הישיבות. בסיום דבריו התחיל האדמו"ר שליט"א בניגון זכר דבר לעבדך וכו'. אחר קבלת עול מלכות שמים על ידי **כ"ק האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א** נסתיים המעמד, כאשר עמדו קהל הנאספים לריקוד וטהר לבינו לעבדך באמת.

אחר הכינוס נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל המסיבה לטובת הכולל בבארא פארק, שהתקיים בבית הר"ר **דוד דוב גרינוואלד** הי"ו (חתן הר"ר שלום וויינגארטען הי"ו), ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען יודען האבען געזינדיגט מיט דעם חטא פון די מרגלים, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, אכנו בדבר ואורישנו, ואעשה אותך לגוי גדול (במדבר יד-עב). און די זעלבע זאך האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו ביי די חטא העגל, אז ער וויל מכלה זיין יודען, ואעשה אותך לגוי גדול (שמות לב-י), משה רבינו וועט בלייבען אליין, און פון אים וועט דער אייבערשטער ארויסנעמען א גוי גדול. און משה רבינו האט מתפלל געווען זכור לאברהם ליצחק ולישראל

עבדיך (שם לב-יג), און די גמרא (ברכות לב.) זאגט, אז משה רבינו האט געטענ'ט, מה דאך א כסא של שלש רגלים האלט זיך נישט, ווי אזוי קען זיך האלטען א כסא פון איין רגל. יודען האבען די זכות פון אברהם און יצחק און יעקב, און די זכות איז נישט מגין, ווי אזוי קען זיין אז איך, א כסא פון איין רגל, וועל בלייבען, און דאס זאל זיך יא האלטען. זכר לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך, עס איז דריי רגלים, און אז זיי האבען נישט געקענט מגין זיין, ווי אזוי וועל איך זיך קענען האלטן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (דרושים ואגדות רמ"ד) ברענגט צו, אז דער **מהרש"א** (ברכות שם) שטעלט זיך, און ער פרעגט, וואס איז די טענה פון משה רבינו, אז א כסא של רגל אחד האלט זיך נישט. ווען משה רבינו בלייבט אליין, איז ער דען א כסא של רגל אחד, משה רבינו איז דאך אויך אן אייניקל פון אברהם יצחק און יעקב, און צוזאמען אברהם יצחק יעקב און משה וועט זיין פיר רגלים, און עס וועט קענען אויסוואקסען שפעטער א גוי גדול. וואס האט משה רבינו געזאגט, אז א כסא של רגל אחד קען זיך נישט האלטן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז אברהם יצחק און יעקב איז דריי סארט מדות. אברהם איז גמילת חסדים, יצחק איז עבודה, יעקב איז איש תם יושב אהלים. די וועלט שטייט אויף דריי עמודי עולם, תורה עבודה און גמילת חסדים. די וועלט איז א כסא וואס שטייט אויף ג' רגלים. טאמער דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען יודען פון די וועלט, און עס וועט בלייבען נאר משה רבינו, וועט טאקע זיין תורה, ווייל משה רבינו איז דער עמוד התורה, אבער דער עמוד פון גמילת חסדים וועט נישט זיין. ווייל ער האט נישט מיט וועם צו טון חסד, ער בלייבט דאך איין מענטש אליין אויף די וועלט, און ווי אזוי קען זיך די וועלט האלטן, אן א עמוד פון גמילת חסדים. דאס האט ער געטענ'ט, ביז יעצט איז דא א כסא של ג' רגלים, עס איז דא תורה און עבודה און גמילת חסדים, אבער אז דו זאגסט אז דו ווילסט מכלה זיין יודען, און ואעשה אותך לגוי גדול. עס וועט טאקע ארויסקומען שפעטער, אז עס וועט זיין תורה און עבודה און גמילת חסדים, אבער יעצט איז אויפן מאמענט פעלט. עס איז נישט דא נאר תורה אליין, ווי אזוי קען זיך האלטן א כסא של רגל אחד.

**זעהט** מען, אז עס קען זיך נישט האלטן א כסא של רגל אחד. תורה אליין קען זיך נישט האלטן, עס מוז זיין א שותף דערצו, גמילת חסדים. דאס וואס יודען זענען מקיים גמילת חסד, כדי מחזיק צו זיין תורה, מען קומט זיך צוזאם, און מען העלפט ארויס איינעם דעם אנדערן, דאס איז פון די עמודי עולם, אויף דעם שטייט די וועלט, תורה און עבודה און גמילת חסדים.

*

אחר המסיבה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שלמה הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ראובן מנחם שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **עקיבא פישער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **ישראל יצחק הארטמאן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת שלח***

בשעות לפני צהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי יואל היימליך שליט"א** אב"ד וועגשייד ובניו הרבנים הגאונים שליט"א, שישבו שבעה על פטירת הרבנית מוועגשייד ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**אב"ד וועגשייד:** איך בין א תלמיד פונעם **וויענער רב** ז"ל נאך פון האדהאז. דער **וויענער רב** האט געהאט א סדר אין די ישיבה, אז עס איז געווען א בחור וואס האט געדאווענט פארן עמוד בקביעות. דער בחור האט געוואוסט ווי מען דארף ווארטען, וכדומה. אין האדהאז בין איך געווען דער בעל תפלה. ווען איך בין געקומען קיין וויליאמסבורג בין איך אריינגעגאנגען צום **וויענער רב**, ווען ער איז געווען אין בית המדרש, רופט ער צו א בחור, און

ער זאגט אים, 'זעהסטו, אין האדהאז איז ער געווען מיין בעל תפלה'. האב איך געזאגט פארן בחור, 'דו ווייסט, אז אין האדהאז איז דער רבי געזעצן אין בית המדרש פון פינף צופרי ביז זיבען ביינאכט. חנוכה איז מען געגאנגען צינדען די מנורה, און נאך א האלבע שעה איז מען צוריקגעקומען, און דער רב איז אויך צוריקגעקומען, און ער איז געזעסן אין בית המדרש. רופט ער זיך אן אזוי הויך, 'נאר פון פינף צופרי?, פון פיר אזייגער צופרי בין איך שוין געווען אין בית המדרש! איך בין נאך געגאנגען אויפוועקן די בחורים'. - היינט איז דא א מגיד שיעור, און א משגיח, פארמיטאג און נאכמיטאג, צופרי און ביינאכט.

**אב"ד סקולען מאנטריאל:** היינטיגע בחורים קענען דאס נישט סובל זיין.

**רבינו:** אסאך פון די מגידי שיעורים קענען דאס אויך נישט סובל זיין, נישט נאר די בחורים.

**אב"ד וועגשייד:** ער האט פארגעלערנט ממש בכל כוחו, מיטן גאנצן כח, ברתת ובזיע, מיט א חשקות התורה. ער איז געווען א גרויסער למדן. ער איז געווען א תלמיד פונעם **לבושי מרדכי**, און ער האט אים געהייסען מאכען א ישיבה. ער האט אים געהייסען אז מען זאל לערנען מסכת ברכות, און ער האט אים געזאגט, אז עס איז א סגולה. ער איז נאר געווען אכצען יאר, און אין ישיבה זענען געווען בחורים וואס זענען געווען עלטער פון אים. (ראה בספר אמרי יואל ח"ב בדברי הספד שנשא הגה"צ אב"ד וועגשייד שליט"א על פטירת רבינו הגה"ק בעל עזר מיהודה זצ"ל. ועיין עוד בספר עזר מיהודה במדור 'תולדות רבינו' עמוד כ"ט).

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והיה הכהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **בנימין טויבער** הי"ו (החתן הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו, וומסב"ג), שהתקיים באולם שע"י בית המדרש אור החיים.

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, ומסר לו ספר **תהלים ולאשר אמר – ויגד משה**, שאך זה יצא לאור עולם מכתי"ק ע"י מכון מעדני מלך (הספר מכיל בתוכו לערך תתק"כ עמודים), והופיע במהדורה מיוחדת לשמחת נישואי נכד ידידנו הרבני הנגיד מוה"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו פטרון הספר. (ובעזהשי"ת יופיע שוב במהדורה השלימה עם המפתחות בקרוב).

*

***שבת קודש פרשת שלח***

בסעודה שלישית עם סיום אמירת דברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דיבורים קצרים לקראת המגבית לטובת 'קרן השביעית' עבור שומרי שמיטה בארצינו הקדושה.

***וזה תוכן דבריו:***

**איך** וויל צוענדיגן מיט א ווארט, מען נעמט צוזאם געלט פאר קרן השביעית. די חשיבות פון די מצוה איז אין לשער, מיר זענען אין גלות, ווייל מיר האבן נישט געהאלטן שמיטה ווען מיר זענען געווען אין ארץ ישראל. די איינציגע עבירה וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה פארוואס אידן זענען געגאנגען אין גלות. אין פרקי אבות (אבות ה-ט) שטייט אויך אזוי, אז גלות קומט ווייל מען האלט נישט שמיטה.

**א** קליינע פראצענט אידן האלטן היינט שמיטה אין ארץ ישראל, אלע האבן א היתר מכירה וכדומה, אפילו די ערליכע, די פרומערע, פארקויפן אזוי ווי מכירת חמץ. אלע גדולי ישראל האבן אנגענומען, אז מען זאל זיך נישט פארלאזן דערויף. אין מדרש (ויק"ר א-א) שטייט, גבורי כח עושי דברו (תהלים קג-כ), מען דארף זיין א גבור צו קענען האלטן שמיטה. זיין פעלד איז זיין פרנסה, פון דעם לעבט ער א גאנץ יאר, און דאס יאר פון שמיטה ער האט נישט קיין פרנסה דערפון. מען דארף זיין גבורי כח אז מען זאל מקיים זיין די מצוה פון שמיטה.

**מען** זאל זיך פארשטעלן ביי זיך, אז מען זאל אים זאגן אז יעדע זיבן יאר זאלסטו צומאכן דיין ביזנעס פאר איין יאר. גיי נישט אריין דערין, פארליר דיינע קאסטומערס, וכדומה, ווי שווער וואלט עס געווען פאר אים ער זאל קענען עומד זיין בנסיון, אויפגעבן זיין ארבעט, און נישט ברענגען זיין פרנסה.

**ב"ה** עס איז דא הונדערטער יודען וואס געבן אוועק אלעס וואס זיי האבן, און בלייבן ממש אן פרנסה די יאר פון שמיטה. און מען העלפט זיי צו, אז זיי זאלן קענען אנהאלטן די מצוה. עס איז א געוואלדיגע קידוש שם שמים, אז עס איז דא יודען וואס זענען מפקיר זייער פארמעגן, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן צו רופן שבת לה'.

**אבער** נעבן דארף מען דאך מפרנס זיין די קינדער. 'קרן השביעית' צוטיילט מיליאנען דאלארן, פשוטו כמשמעו, פאר די יודען. א קליינע פראצענט אויף יעדענס חלק. איז אוודאי דא א געוואלדיגע ענין אז מען זאל זיך משתתף זיין דערין. מען האט אויך געמאכט אז מען קען אפקויפן א חלק פון א פעלד, און מען האט אויך א חלק אינעם שביתת הארץ. אז זיין חלק וואס ער האט אפגעקויפט האלט שמיטה, און מען האט דא די ברכה פון שמיטה, וצויתי את ברכתי.

**אלע** פריערדיגע צדיקים האבן געשריבן, אז מען זאל העלפן פאר די אנשי ארץ ישראל וואס האלטן שמיטה. און אזוי ווי ביי תורה, האט דער וואס איז מחזיק תורה א חלק אין די תורה, דאס זעלבע גייט די ברכה פון וצויתי ארויף נישט נאר אויף די וואס האלטן שמיטה, נאר אויך אויף די וואס העלפן אז מען זאל קענען האלטן שמיטה.

**דער** אויבערשטער זאל שיקן ברכה און הצלחה אין אלעם וואס מען טוט. נישט האלטן שמיטה האט געברענגט די גלות, און אין זכות פון דעם וואס מיר האלטן שמיטה, וועט מען זוכה זיין צו ברענגען די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.